איר האָט זיך נישט צוגעהערט; פאַרוואָס ווילט איר
נאָכאַמאָל הערן? צי ווילט איר אויך ווערן זיינע
28 תלמידים? און זיי האָבן אים געזידלט, און
געזאָגט: דו ביסט יענעמס תלמיד, מיר אָבער זענען
29 משהס תלמידים. מיר ווייסן, אַז ג-ט האָט גערעדט
צו משהן; אָבער וואָס שייך דעם דאָזיקן, ווייסן
30 מיר נישט, פונוואַנען ער איז. האָט דער מענטש
געענטפערט און געזאָגט צו זיי: אָט אין דעם דאָזיקן
ליגט דאָך דער חידוש, אַז איר ווייסט נישט פונוואַנען
ער איז, און ער האָט מיר געעפנט מיינע אויגן.
31 מיר ווייסן, אַז ג-ט דערהערט נישט קיין חוטאים;
נאָר אויב עמיצער איז אַ ירא־שמים און טוט זיין
32 רצון, דעם דאָזיקן דערהערט ער יאָ. פון אייביק
אָן איז עס נישט געהערט געוואָרן, אַז עמיצער
זאָל האָבן געעפנט די אויגן פון אַ בלינד געבוי־
33 רענעם. אויב דער דאָזיקער וואָלט נישט געווען
פון ג-ט, וואָלט ער גאָרנישט געקענט טון.
34 האָבן זיי געענטפערט און געזאָגט צו אים: דו
ביסט אינגאַנצן געבוירן געוואָרן אין זינד, און דו
לערנסט אונז? און האָבן אים אַרויסגעוואָרפן
אינדרויסן.
35 ישוע האָט געהערט, אַז זיי האָבן אים אַרויס־
געוואָרפן; און געפינענדיק אים, האָט ער געזאָגט:
36 צי גלויבסטו אין דעם בן־אדם? יענער האָט געענט־
פערט און געזאָגט: און ווער איז עס, האַר, אַז איך
37 זאָל גלויבן אין אים? האָט ישוע געזאָגט צו אים:
דו האָסט אים געזען, און דער, וואָס רעדט מיט
38 דיר, איז עס. און ער האָט געזאָגט: האַר, איך
39 גלויב! און האָט זיך געבוקט צו אים. און ישוע האָט
געזאָגט: צום משפט בין איך געקומען אין דער וועלט
אַריין, כדי די, וואָס זעען נישט, זאָלן זעען, און די